בלומינגראוו
# שטימע
BLOOMING GROVE VOICE
די פַאראייניגטע 'שטימע' פון תושבי 'בלומינגראָוו' והגלילות

פ' יתרו תשפ"א
Vol. 24-A

United Jewish Community of Blooming Grove

**זמנים**
**יתרו**
הדלקת הנרות
**5:03**
סו"ז קריאת שמע
**9:00**
זמן מוצש"ק
**6:32**

## העפטיגע אסיפה פאר תיקון עירובין אהערצושטעלן מחיצות ארום די שטאט



זייט 2

רעגיסטראַציע
דרייוו
ס'איז שוין שפעט...
רעגיסטרירט שוין!
יעדער העכער 18 מוז זיין רעגיסטרירט!
אויב וועט מען זיין 18 אויף מארטש 16, זאל מען זיך שוין רעגיסטרירן!
מיט בלויז געציילטע מינוט, גיט איר א מעגליכקייט
אז אייער שטימע זאל 'קענען' געהערט ווערן!!

## שענדליכע העצע קעגן די אידישע תושבים ביי די ווילעדזש מיטינגען

זייט 5

באַקענט זיך מיט:
דער ווילעדזש
אין אירע אפטיילונגען

ווילעדזש באורד | ווילעדזש קלורק | ווילעדזש טרעזשורי
פלעניניג באורד | זאונינג באורד | וואסער דעפארטמענט
סוער דעפארטמענט | בילדונג דעפארטמענט | א.א.וו.

וויאזוי ווערן אוועקגעשטעלט די דעפארטמענטס, אויפגאבעס, רעגולאציעס, פלענער אויפ'ן עתיד

## דאס געזעץ וואס פארפליכטעט זאונינג פאר הייזער פון געבעט

זייט 9

## הכנסת ספר תורה וועט פייערליך ארייגעפירט ווערן אין ווישניצער ישיבה קומענדיגן זונטאג פ' משפטים

זייט 7

## שתדלנות צו ערמעגליכן גרינגערע סאניטאציע באדינונגען שטויסט זיך אָן אין קעגנערשאפט פון "טאון וואַרד 4" קאונסיל פרוי איאלא

זייט 7

מנוחה ושמחה אור ליהודים

# געהויבענער שבת שירה געפראוועט בחצר וויזשניץ אין בלומינגראוו

**פריוואטער שבת געפראוועט מיט גרויס התעוררות דורך וויזשניצער רבי'ן שליט"א פון בית שמש - בהיכלי הישיבה גדולה תורת מרדכי, בנשיאות כ"ק אדמו"ר מוויזשניץ שליט"א פון וויליאמסבורג — דער וויזשניצער רבי שליט"א פון בית שמש האט זיך געפינען אין ניו יארק להחזקת מוסדותיו על טהרת הקודש אין ארה"ק - און האט נישט געקענט צוריקפארן לאור המצב מיט די לאקדאונס און פארמאכטע לופט פעלדער אין ארץ ישראל**

די רבי שליט"א האט זיין אכסניא בבית חתנו, הגה"צ רבי חיים מאיר האגער שליט"א, זון פון כ"ק אדמו"ר מוויזשניץ שליט"א פון וויליאמסבורג וועלכע האט זיך ארויסגעצויגן צו אונזער שטאט בלומינגראוו, - בלומינגראוו נעמט אויף באותות כבוד, הרב רבי חיים מאיר שליט"א וועלכע איז באקאנט אלץ א חשוב'ער בנש"ק ת"ח ומתמיד עצום איז משפיע מזיוו תורתו אין די וויזשניצער ישיבה

שמחים לשמרו ולערב עירובו

# העפטיגע אסיפה פאר תיקון עירובין אין בלומינגראוו, אהערצושטעלן מחיצות בהידור רב ארום די גאנצע שטאט

**אלע עסקנים פון אלע געגענטער וואס זענען עוסק בתיקון עירובין זענען זיך צוזאמגעקומען תחת קורת גג אחד, לטכס עצה וויאזוי צו קענען אהערשטעלן מהודר'דיגע רמב"ם עירוב מיט מחיצות ארום די גאנצע שטאט, די אינטערנעמונג איז א קאסטבארע אבער פארט נישט אסטראנאמיש טייער, אזוי אז עס דא די מעגליכקייט זיך אינטערצונעמען אזא וויכטיגע און הייליגע פראיעקט לטובת תושבי העיר**

די אסיפה האט זיך געצויגן עטליכע שעה נאכאנאד, עס זענען אויפגעברענגט געווארן פארשידענע הצעות, מ'איז איבערגעגאנגען אינאיינעם די מאפעס פון די שטאט צו קענען ארומנעמען אלע דריי געגענטער, ווארלי הייטס, קעפיטאל הילל, און לעיק שאר מיט מחיצות ארום די גאנצע שטאט, וואס אצינד מיט די נייע ווילעדזש אדמיניסטראציע איז דא די מעגליכקייט דערפאר בעז"ה







# רעגיסטראַציע
## ☆☆☆ דרייוו ☆☆☆

## ס'איז שוין שפעט...

מ'קען שוין נישט ווארטן אויף די לעצטע מינוט!!

# רעגיסטרירט שוין!

**יעדער העכער 18 מוז זיין רעגיסטרירט!**
**אויב וועט מען זיין 18 אויף מארטש 16, זאל מען זיך שוין רעגיסטרירן!**

**מיט בלויז געציילטע מינוט, גיט איר א מעגליכקייט**
**אז אייער שטימע זאל 'קענען' געהערט ווערן!!**

נעמט אין אכט: אלע וואס וועלן זיין
18 יאר אויף קומענדיגען מארטש 16
למספרם, ברויכן זיך יעצט רעגיסטרירן
צו זיין בארעכטיגט צו שטימען!

**עסקנים זענען גרייט**
**העפליך ארויסצוהעלפן און**
**אראפקומען צו אייך, מסדר**
**זיין די רעגיסטראציע!**

פאר סיי וועלכע פראגע אדער הילף
מיט רעגיסטראציע, רופט שוין די עסקנים:

מו"ה **אורי דייטש** הי"ו
**845.662.9409**

מו"ה **אלימלך היללער** הי"ו
**347.436.5884**

ובשם ה' נעשה ונצליח!

# שטימע קאַסטן
## בריוו צו דער רעדאַקציע



מיר ווילן הערן "אייער שטימע"!

**אין דעם קאָלום ערשיינען די בריוון און קאָמענטאַרן פון בלומינגראָווער איינוואוינער צו דער רעדאַקציע.**

אדרבה, שרייבט! איבער סיי וועלכע נושאים איר האַלט ס'קען פאַראינטערעסירן און נוגע זיין אַנדערע תושבי העיר, למען תועלת הציבור.

### נייגער צו עפעס טוט זיך אין די לאקאלע גוי'אישע גאס

לכבוד "דער שטימע"

איך האב באמערקט דעם פארגאנגענעם שבת קודש און זונטאג, ווי אזוי אונזערע גוי'אישע שכנים האבן אנגעהויבן עפעס א קאמפיין, איך בין נישט זיכער אויב דאס איז דער קומענדיגער טראסט"י קאמפיי"ן צו עפעס אנדערש, איך האב באמערקט ווי אזוי זיי גייען ארום, אפאר פון די חברה, און ספעציפיש, האט מען געזעהן ווי פייער מעמבער"ס גיין ארום קאלעקטן געוויסע אונטערשריפטן אויף א געוויסן צעטל וואס ווי פארשטענדליך האב איך נישט געקענט צוגיין פרעגן וואס עס שטייט דארט, ווייל עס איז געווען שבת קודש.

אבער עפעס רישן זיך דא די גוי'אישע שכנים צום קומענדיגן קאמפיין, כ'מיין עס איז כדאי דער ציבור זאל וויסן אז די קומענדיגע עלעקשאנס גייט זיין קריטיש וויכטיג פאר אונזער עקזיסטענץ, הרשעים כים נגרש זיי שלאפן בכלל נישט, ווער ווייסט וואס זיי פלאנען אונז אונטער צושטעלן, דאס ברענגט ארויס די וויכטיגקייט יעדער שטים בארעכטיגטער זאל זיין פולקאם און צייטליך רעגיסטרירט פארן קומענדיגן מארטש 16 עלעקשאנס.

יישר כח

■ ■ ■

### דאנק פאר די שטימע אויף די פאסט, און פאר באסעס אין טאג פון א שניי

צו די רעדקאציע און באורד מעמבערס פון די יו.זשעי. סי.

צום ערשט וויל איך זיך באדאנקן פאר'ן שיקן די שטימע אויף די פאסט, און גיט די מעגליכקייט מיטצהאלטן וואס ס'טוט זיך אין בלומינגראוו, ב"ה די שטאט וואקסט אין בליעט, און מ'טוט זיך עס איבערצייגן באשיינפערלעך צווישן די שפאלטענעס פון די שטימע. א גרויסע דאנק פאר די ארבעט וואס איר לייגט אריין אין די שטימע, באזונדער מיט'ן דעקן די פלענער פאר שאפינג אין די געגענט, וואס וועט זיין א געוואלדיגע הילף פאר די לאקאלע תושבים נישט צו דארפן פארן ווייט פאר שאפינג, און וועט אריינברענגן געלט פאר די ווילעדזש, צו קענען פארעכטן די אינפראסטרוקטור איבערמאכן ראודס וכדומה, און אין די זעלבע צייט אויך אראפברענגן די ווילעדזש טעקסעס, לאמיר האפן עס וועט זיך קענען אויסארבעטן בקרוב אויף א שיינעם אופן, און ווייטער האלטן דעם שיינעם אויסזעהן פון אונזער שטאט.

שטייענדיג ביי די שטורעמעס סעזאן וואס ב"ה עס לאזט זיך אראפ שיינע ווייסע שניי אין די געגענט, וויל אויך אויסדרוקן מיין הכרת הטוב אז ב"ה פאריגע וואך ווען עס האט געהייסן אז ס'קומט א שניי איז ב"ה געווען צוגעשטעלט באסעס פאר די עלטערע יונגלעך אהיימצקומען עס האט סיי אפגעהאלטן פון ביטול תורה פון די הייליגע תשב"ר, און די קינדער זאלן זיין רוהיג אגאנצן טאג אין חדר, וויסענדיג אז זיי האבן א וועג אהיים. און ארויסגעהאלפן די עלטערן מ'זאל נישט ווידעראמאל זיך דארפן מוטשען און רופן פון איינעם צום צווייטן מסדר זיין א וועג אהיים פאר די קינדערלעך, עס איז זיכער אז די טראנספארטאציע פאר די הונדערטער קינדער אין בלומינגראוו איז א געוואלדיגע ישועה.

יישר כח פאר אלעם!

■ ■ ■

### איבער מיסט קאסטענס וואס בלייבן אינדרויסן ביים קוירב

צו די רעדאקציע פון "דער שטימע"

איך האב געוואלט אויפמערקזאם מאכן דעם עולם איך בין ארומגעפארן נעכטן דינסטאג ביי דער שניי, און איך האב געזעהן, אז עס זענען דא זייער אסאך גארבעדז"ש קענ"ס געבליבן אינדרויסן אויף דער ראו"ד פון מאנטאג.

אין נארמאלע צייטן דארף מען עס אויך אריינעמען מאנטאג נאכט, נאכדעם וואס מען נעמט די גארבעדז"ש מאנטאג אינדערפרי, אבער ספעציעל ווען עס איז דא א שניי, איז זייער אומ'אחריות'דיג צו איבערלאזן די גארבעדז"ש קענ"ס אויף דער גאס. און ספעציעל ווען מען זעהט אז די נישט-אידישע שכנים זענען אגאנצן צייט פארנומען מיט דעם ביי די מיטינגען, אז די גאסן זענען נישט צוזאמגענומען, דעריבער דארף מען אריינלייגן באזונדערע מיה, צו מאכן זיכער, אז מען נעמט אריין די גארבעדז"ש קענ"ס אין צייט, מען זאל זיכער מאכן, און זיך ספעציעל באמיהען האבן א חלק אין האלטן ריין אונזערע גאסן און גלייכצייטיג פארשטאפן די מיילער פון אונזערע פריינט..., אז יעדע וואך מאנטאג, זאל מען גלייך אריינעמען נאכמיטאג דעם גארבעדז"ש קע"ן און עס זאל נישט בלייבן אויף דער ראו"ד שפעטער ווי דעם.

מיט עהרע און שעצונג

■ ■ ■

### געוועזענעם מעיאר פרובירט אויפרייצן די שכנים אקעגן דעם אידישע תושבים אין בעפארברייטונג צו די קומענדיגע וואלן

לכבוד "דער שטימע"

הרשעים כים נגרש, ביי דער פובליק מיטינג, יעצט אין דעם פארגאנגענעם מאנטאג פרשת בשלח, איז ארויפגעקומען דער וויסט באקאנטער שונא ישראל לא פראנקאו ימ"ש, און ער האט זיך באקלאגט בריש גלי, אז היתכן דער מעיאר טוט נישט סעקירן און פייניגן די אידן. דאס איז שוין דעם צווייטן מאל וואס דער פריערדיגער מעיאר טוט דאס. ספעציפיש האט ער ארויסגעברענגט עטליכע פרטיות'דיגע אדרעסן, ובתוכם, דער קאזשניצער בית המדרש וואס מען זעהט ממש ווי דאס לאזט אים נישט שלאפן ביינאכט, און עס גייט אים אין לעבן צו טוהן וואס מען קען נאר צו שטערן דעם ווילעדזש.

דעריבער איז כדאי צו מודיע זיין דעם עולם, אז מען זאל האלטן א וואכזאם אויג, ווייל די שונאי ישראל פארן ארום. ווי אויך קומען אריין שמועות, אז דער געוועזענער מעיאר, גרייט זיך ארויסצוהעלפן די צוויי גוי'אישע טראסטי"ס וואס וועלן לויפן ביי די בעפארשטייענדע וואלן, מען זאגט אז ער גייט ארום קאמפיינען פאר זיי, און דעריבער זאל מען אכטונג געבן, און האלטן אן עינא פקיחא און נישט רעדן צו די חברה.

יישר כח

ש.ג.

**שרייבט בריוו צו דער רעדאַקציע: Mail@shtima.com**
**אזוי אויך קען מען איבערלאזן מעסעדזשעס אויף: 845.384.2818**

# נייעס און אָפּדעיטס

## אינערהאלב די קארידארן פון דעם "ווילעדזש און סאוט בלומינגראוו"

**דער 'ווילעדזש באורד מיטינג' קומט פאר רעגלסמעסיג, יעדע צוויי וואכן, מיט דער באטייליגונג פונעם מעיאר און די באורד מיטגלידער. ביי די מיטינגען ווערן איבערגעשמועסט די אנגעלעגנהייטן וועלכע בארירן בלומינגראווער איינוואוינער. עס ווערט אויך געגעבן די געלעגנהייט פאר יעדן איינוואוינער וועלכער וויל אריבערקומען, צו לאזן הערן זיינע קאמענטארן איבער דעם ווילעדזש און איר ווירטשאפט.**

**ביי דעם פארלאפענעם מיטינג דעם מאנטאג בשלח איז ארויפגעברענגט געווארן די פאלגענדע טעמעס:**

## גארביזש רעגולאציעס

עס איז דוסקוסירט געווארן די וויכטיגקייט פון אנהאלטן די גארבעזש רעגולאציעס, וואס איז וויכטיג פאר די ריינקייט פון דעם געגנט. לעצטנס איז די רעגולאציעס געווארן אביסל לויזער און דעריבער פאדערט זיך צו דערמאנען די איינוואוינער צו אויספאלגן אלע רולס ווען מען שטעלט ארויס די גארביזש קענס פארנט פון די הייזער, פאר די טובה פון אלעמען.

עס איז ערוועגט געווארן אז דערווייל, ווילאנג מען האט נאכנישט דערגרייכט א טויש אין די סענטאציע דערפארטמענט, איז דא די מעגליכקייט פאר איינוואוינער וועלכע דארפן נאך א גארבעזש קען. צו אריינרופן דעם "טאון אוו בלומינגראוו", וועלכע האט א ספעציעלן קאנטראקט מיט דער **Iws Garbage company** אז פאר א מינימאלער אפצאל ווערט צוגעשטעלט נאך א גארבעדזש קען.

דער נומער צו רופן איז:**1-866-DIAL-IWS**

## ערוועלט "פָּאול" ארבעטער צו די קומענדיגע וואלן

ביי די מיטינג איז פארגעקומען אן אפשטימונג, ווען מען האט ארויסגעשטעלט די נעמען פון די "פאול אינספעקטארס" און ארבעטער, וואס זאלן זיין באפולמעכטיגט צו באגלייטן די וואלן פראצעדור, ביי די קומענדיגע עלעקשאנס, דעם בעפארשטייענדן מאנאט מערץ למספרם.

עס זענען ערוועלט און באשטימט געווארן א רייע "פאול אינספעקטארס", צווישן זיי האברך היקר, עסקן נמרץ לכל קדשי בית ישראל, מוה"ר שמעי' שפיצער הי"ו, וועלכער איז אייגנטליך א "סערטיפייד פאול אינספעקטאר", און אזוי אויך די חשוב'ע מרת שאלאמאן תחי'. די צוויי וועלן זיין ספעציעל געשטעלט דורך דעם ווילעדזש צו פארזיכערן אז די וואלן רעזולטאטן קומען ארויס בצדק וביושר אן קיין שווינדלערייען און מאכענאציעס.

ווי דער געזעץ לויטעט האט דער ווילעדזש אויך ארויסגעשטעלט אן אפיציעלער **R. f. p. – request for proposals** צו קויפן א נייעם קאר פאר'ן מעיאר יר"ה. אין די קומענדיגע 15 טעג איז דא צייט פאר סיי וועלכע פירמע וועלכע וויל אריינגעבן זייער **quote**. נאכדעם וואס עס איז פארהאן דריי אזעלכע "קוואטעס" באשליסט דער ווילעדזש, ווער עס האט די בעסטע פרייז און יענער געווינט דעם ביד.

## הרשעים כים נגרש; שענדליכע העצע קעגן די אידישע תושבים

צום גרויסן ווייטאג ווערן די ווילעדזש מיטינגען אויך אויסגענוצט דורך די שונאי ישראל, צו אריבערקומען אויסגיסן זייער טיפע האס און שנאה קעגן זייערע אידישע שכינים, מיט זינלאזע און אומבארעכטיגע אטאקעס וואס שפייט ארויס וויסטע אנטיסעמיטיזם אן קיין גרעניץ.

אין שפיץ פון די געמיינע העצער שטייט דער געוועזענער מעיאר, לע פראנקאו, וואס איז קענטיג נאכנישט געקומען צו זיך פון זיין ביטערן דורכפאל ביי די פארלאפענע וואלן, און האט אין די לעצטע חדשים איין איינציגן מיסיע: צו דערביטערן דאס לעבן פון אידן אין בלומינגראוו, היל"ת.

דער פארשוין נוצט לעצטנס אויס זיין לײדיגע צייט צו ארומפארן די גאסן פון בלומינגראוו, איינמאל און נאכאמאל, און דערביי "טרעפן" יעדע מינדערוויכטיגע פארלעצונג פון אידישע איינוואוינער, וואס ער טוט דערנאך פאר'מסר'ן פאר די באהערדע מיט גרויס רשעות.

**דאס איז איבערהויפט קענטיג ווען ער רופט רעגלסמעסיג אריין דעם 'בילדינג אינספעקטאר', ביודעים ובלא יודעים, מיט פרישע מסירות השכם והערב, און דאס קומט אויך צום אויסדרוק ביי אלע 'פאבליק מיטינגען' און 'ווילעדזש מיטינגען' וואו ער ליינט פאר גאנצע ליסטעס מיט אדרעסן פון כלומר'שטע "פארלעצונגען" קעגן דאס געזעץ.**

**דער געוועזענער מעיאר קומט אן צו די מיטינגען מיט דעטאלן אויף צענדליגער אידן. צ.ב.ש. ביי דעם איז דער גארבעדזש נישט הונדערט פראצענט צוזאמגעלייגט; ביי יענעם האט מען געזעהן עפעס א שטיקל העלצל אויף דער גראז; ביים דריטן איז דא נאך אן "עבירה", און אזוי לאקערט ער אויף יעדן אידישן הויז אין שטאט, ארומפארנדיג אלע גאסן צו פאר'מסר'ן אחינו בני ישראל על לא עול בכפיהם.**

# מסירות קעגן ביהמ"ד עבודת ישראל קאזניץ

איבערהויפט זאל אנגעמערקט ווערן מיט באדויער אז דער געוועזענער מעיאר, זוכט אצינד זיך צו אפרעכענען מיט זיינע אידישע שכנים מיט וועמען ער האט אן אלטן חשבון. צווישן אנדערע לייגט ער א ספעציעלע געוויכט צו ארייינטראגן מסירות השכם והערב קעגן דאס הערליכע ביהמ"ד "עבודת ישראל קאזניץ", וואס איז א פרעכטיגע צענטער, אן אמת'ע פנת יקרת פאר דער גאנצער געגנט, אבער עס שטייט ווי א דארן אין אויג פאר דעם רשע.

אין די לעצטע עטליכע וואכן איז ער ממש פארנומען אומאויפהערליך צו ארייינטראגן פרישע מסירות און מלשינות קעגן דאס ביהמ"ד מיט א געוואלדיגע רשעות. ויה"ר שלא ינוח שבט הרשע על גורל הצדיקים.

# לעגאלע ראט עס אפצושטעלן דורך די יו.זשעי.סי.

די עסקנים פון דער יו. דזשעי. סי. זענען פארנומען מיט לעגאלע ראט, צו באטראכטן וויאזוי מען קען דאס אפשטעלן, אבער דערווייל דארף מען זיין זייער פארזיכטיג. ווייל ווי פארשטענדליך קען דער ווילעדזש, זייענדיג אן אפיציעלע רעגירונג קערפערשאפט, נישט איגנארירן די נאכנאנאנדע מסירות, טראץ דעם וואס עס איז געטריבן פון אפענע אמביציעס אנגעפולט מיט האס און שלעכטס.

דעריבער איז טאקע זייער וויכטיג אז מען זאל זיין געווארנט צו אויספאלגן אלע רעגולאציעס.

**אידישע איינוואוינער דארפן געדענקן אז מיר זענען נאך אלץ ארומגענומען מיט "גוטע פריינד" וואס ווילן אייך בלויז אונטערברענגען און זוכן צו ארויפלייגן ווייעלעישענס אויף טריט און שריט. מען זאל האלטן פאר די אויגן אז דער פארשוין, און זיינע קאלעגעס, דרייען זיך ארום אויף אונזערע גאסן ס'איז ראטזאם אז מען זאל נוצן באזונדערע פאראנטווארטליכקייט זיך צו פירן לויט'ן געזעץ, כדי צו פארמיידן עגמת נפש און געלט שאדן ח"ו.**

אויב האט איר סיי וועלכע קאמפליינט, אדער זעהט מען "טרעספעסינג", נעמליך אז זיי גייען ארויף אויף פריוואטע פראפערטיס, ביטע רופט אריין אין אפיס פון יו. דזשעי. סי. און לאזט איבער אייער אינפארמאציע אויף עקסטענטשאן נומער 0.






# נאטיצן און באריכטן

מהנעשה והנשמע
אינערהאלב
"יו. דזשעי. סי."

# שתדלנות צו ערמעגליכן גרינגערע סאניטאציע באדינונגען שטויסט זיך אָן אין קעגנערשאפט פון "טאון ווארד 4" קאונסיל פרוי איאלא

## נאך אַן אנדייט איבער די נעגאטיווע באציאונגען פון דער קאונסיל פרוי צו דער אידישער געמיינדע

בלומינגראוועריינוואוינער זענען שוין לאנגע יארן באקאנט מיט דעם נאמען, סאניא איאלע, די קאונסיל פרוי פון "ווארד 4" אין דער טאון אוו בלומינגראוו. איבערהויפט הערט מען פון די קאונסיל פרוי יעדע שטיקל צייט, ווען זי לויפט פאר אפיס. דעמאלט קלאפט זי פערזענליך ארום די הייזער, שיקט שיינע חנוכה וואונטשן און פאסט קארטלעך, אבער צום באדויערן האט מען נאכנישט געזען פון איר קיין באדייטענדע גינסטיגע רעזולטאטן.

זייענדיג די קאונסיל פרוי צום טאון, וואס האט אן איינפלוס אויף וויאזוי זאכן אפערירן, האט דער געטרייער טראסטי פונעם ווילעדזש, הר"ר יצחק פעלדמאן הי"ו, זיך געוואנדן צו איר מיט א געבעט, אויב מען קען דורכפירן א גינסטיגע טויש אין דעם סיסטעם פון די גארביזש פיק-אפ. די גארביזש זאל אויפגעפיקט ווערן כאטש צוויי מאל א וואך, אדער זאל יעדער באקומען אויך א צווייטן גארביזש קען, געווענליך בחנם צי פאר גאר ביליג.

צו אונזער אנטוישונג האט אבער די קאונסיל פרוי באלד געהאט א פולע זאק מיט אויסריידן, פארוואס זי קען נישט און וויל נישט העלפן מיט אט דעם געוואונטשענעם טויש.

ביי די פארלאפענע "פובליק מיטינג" איז ארויפגעברענגט געווארן די טעמע, ווען געוויסע איינוואוינער האבן איר שטארק געטאדלט פארוואס מען הערט פון איר בלויז ביים קאמפיין געלויף און נישט ווען עס קומט צו ארויסהעלפן בפועל די איינוואוינער. די פראגע איז אבער נאכאמאל געבליבן אומפארענטפערט מיט א הילכיגע שווייגעניש, וואס האט אייגנטליך גערעדט מער פון אסאך ווערטער.

דורך מערערע תושבים ווערט אנצייגט אז הונטער די קוליסן איז די פרוי איאלא פון די גרויסע העצער קעגן די אידישע איינוואוינער, אבער דאס האלט איר נישט אפ פון אנשטעלן אן אומשולדיג פנים ווען זי לויפט פאר אפיס.



אבער אצינד איז דאס נאך מער געקומען צום אויבערפלאך ווען מען האט דאך געבעטן פון איר בלויז א קלייניגקייט. מען האט נישט פארלאנגט אז זי זאל דאס דורכפירן בפועל. מען האט בסך הכל געבעטן א רעקאמענדאציע, א טעלעפאן רוף אדער א בריוו, וואס זאל שתדל'ן פאר די אינטערעסן פון די איינוואוינער, אפגעזען אויב עס וועט טאקע ברענגען רעזולטאטן. אבער צום באדודיערן האט זיך דאס אלעס קאטעגאריש אפגעזאגט.



ששון ושמחה בשמחת תורה

# הכנסת ספר תורה וועט פייערליך אריינגעפירט ווערן אין ווידזשניצער ישיבה קומענדיגן זונטאג פ' משפטים

# באקענט זיך מיט:

# דער ווילעדזש
## אין אירע אפטיילונגען

**ווילעדזש באורד | ווילעדזש קלורק | ווילעדזש טרעזשורי**
**פלעניניג באורד | זאונינג באורד | וואסער דעפארטמענט**
**סוער דעפארטמענט | בילדונג דעפארטמענט | א.א.וו.**

**וויאזוי ווערן אוועקגעשטעלט די דעפארטמענטס, אויפגאבעס, רעגולאציעס, פלענער אויפ'ן עתיד**

פארלאפענע וואך האבן מיר אויסגעשמועסט די פליכטן פון די פלענינג באורד, די געווענליכע ארבעט פון דעם 'פלענינג באורד', דער באדייט פון א "ליד עדזשענסי", און געווידמעט א טייל איבערדעם וויאזוי די פלענינג באורד וואס איז אוועקגעשטעלט דורך די פריערדיגע ווילעדזש אדמיניסטראציע, און זענען אצינד נאך אויפ'ן באורד, האבן אויסגענוצט דעם אמט קעגן די אידישע איינוואוינער וואס בעז"ה קוקט מען ארויס אויף א טויש, בפרט נאך וואס עס וועט בעז"ה אריינקומען א 'סופער מאיאריטעט' אין דעם 'ווילעדזש באורד'.

## די 'פלענינג באורד' ביי אונז אין בלומינגראוו דערווייל

די אלע אויבנדערמאנטע דעטאלן פון א 'פלענינג באורד' איז ווען עס איז די רעדע פון א געווענליכע ווילעדזש וועלכע פירט איר ווירטשאפט ווי געהעריג, וואס דעמאלס איז הכל על מקומו יבא בשלום, און יעדער איז צופרידן.

אבער ווי אנדערש איז עס געווען ביי אונז אין שטאט.

זאל טאקע ארויסגעברענגט ווערן דער מציאות, אז געווענליך מאכט מען זיכער אז די אלע באורדס האבן נישט קיין פארבינדונג איינער צום צווייטן. נעמליך, כדי אז דער 'ווילעדזש באורד', דער 'פלענינג באורד' און דער 'זאונינג באורד' זאלן זיך פירן ביושר, ארבעט מען אויס אז די איינגעשטעלטע זאלן נישט האבן קיין שום 'קאנפליקט אוו אינטערעסט' צו פסדי ק'ענען אזוי צו אזוי, ווייל דערפאר איז דאך דאס געשטעלט געווארן.

(עס זענען יא דא געוויסע ווילעדזשעס וואו דער 'פלענינג באורד' און דער 'זאונינג באורד' זענען דאס די זעלבע, אבער דאס איז טאקע אזוי אויסגעשטעלט געווארן דורך אזעלכע 'לופ האלס', לעכער און דריידלעך צו שטופן זייערע אגענדעס שלא ביושר).

ביי אונז אין 'סאוט בלומינגראוו', האט מען גענוצט דעם 'פלענינג באורד' און דעם 'זאונינג באורד' אלס א שטעקן קעגן דער אידישער געמיינדע.

צום אלעם ערשט איז עס געווען זייער אומ-עטיש אויסגעשטעלט. דער 'פלענינג באורד' האט א טשערמאן, און דער 'זאונינג באורד' האט אויך א טשערמאן. (אזוי ווי דער 'ווילעדזש באורד' האט א מעיאר האבן די צוויי אנדערע באורדס א טשערמאן). א מענטש וואס זייער תפקיד איז נישט עפעס שטארקער ווי די איבריגע 'באורד מעמבערס', אבער זיי האבן דאך 'טשערמאנשיפ'.

דא אין בלומינגראוו זענען דער טשערמאן פון דעם 'פלענינג באורד' און דער טשערמאן פון דער 'זאונינג באורד', א פארפאלק, מאן און פרוי, וואס דאס איז דוקא אן אומעטישע זאך, וואס רופט זיך אן 'נעפאטיזם'. דאס מיינט צו זאגן, אז זיי קענען הינטער די קוליסן אראנזשירן ווי אזוי זאכן זאלן פארן.

נאך אן אומ'יושר: איינער פון די באורד מעמבערס פון דעם 'פלענינג באורד' איז זיין פרוי געווען די טרויעריג באקאנטע פרוי, סוועך וואגעלבורג, וואס איז געווען א 'טראסטי' אויפ'ן 'ווילעדזש באורד', וואו זי האט זיך פאר אלעמען באקאנט געמאכט מיט איר רשעות בדחילו ורחימו.

און אזוי זענען געווען נאך אזעלכע פעלער, וואס די 'באורדס' זענען געווען געקניפט און געבינדן זיכער צו מאכן אז א פרעמדער מענטש קומט דא נישט אריין. די קאונסיל-פרוי סאניא איילא, א צדקניות אויף איר אייגענעם מהלך, ווי טרויעריג באקאנט פאר תושבי העיר, וואס דער פאריגער מעיאר האט זיכער געמאכט אז אויך זי איז אויפ'ן 'פלענינג באורד'.

מען האט דירעקט געהאלטן אייביג אויפ'ן 'באורד' די זעלבע מענטשן, זיי זאלן איבערגיין און איבערגיין, מען האט זיי נאכאמאל און נאכאמאל באשטימט, כדי צו זיכער מאכן, אז א איד, אדער אפילו א גוי, וואס קען אפשר זיין גינסטיג צו א איד, קומט חלילה נישט ארויף אויף דעם 'באורד'.

## דער 'קאמפריהענסיוו' פלאן וואס איז קיינמאל נישט אריינגעגעבן געווארן

דא קומט אריין נאך א קלייניגקייט איבער דער 'פלענינג באורד' און דער 'זאונינג באורד', דער 'פלענינג באורד' און דער 'זאונינג באורד' פון יעדער ווילעדזש מוז יעדע צען יאר, מאכן א 'קאמפריהענסיוו' פלאן, וואס עס טוט זיך אין דער ווילעדזש, וואס האט מען געבויעט און וואו גייט מען ווייטער.

געווענליך אין א תקופה פון צען יאר, בויעט מען דאך פרישע זאכן, גאסן טוישן זיך, און דעריבער מוז דער ווילעדזש ארויסלייגן יעדע צען יאר א 'ראוד מאפע' פאר די קומענדיגע צען יאר. וואו מען קוקט אריין וואס מען האט געטוהן ביז אהער, און וואו גייט מען פון דא ווייטער, ווי אזוי קוקט אויס דער ווילעדזש, און וויאזוי מען וויל אז דער ווילעדזש זאל אויסקוקן.

דא, ביי אונז אין בלומינגראוו, האט מען איינפאך נישט געמאכט

דעם ׳קאמפריהענסיוו׳ פלאן, ווייל זיי האבן מורא געהאט אז אויב מען גייט מאכן דעם ׳קאמפריהענסיוו׳ פלאן, וואס דאס איז א זאך וואס דער פובליק קען ארייגרעדן, דאן וועלן די אידן ארייגקומען מיט טענות איבער די אלע דיסקרימענירנדע און אנטיסעמיטישע אונטערדריקונגען וואס מען האט דא געמאכט.

אבער בעזר השי״ת, נאך די מערץ וואלן, איינמאל דער ׳פלענינג באורד׳ וועט זיין געטוישט צו א גינסטיגער ׳פלענינג באורד׳ לטובת אחינו בני ישראל, וועט מען זיך פאקטיש נעמען צו דעם ׳קאמפריהענסיוו׳ פלאן, אז דער ווילעדזש זאל זיין פריינטליך צו אלע איינוואוינער ובתוכם אחינו בני ישראל, ווי אויך עס זאל בלייבן מיט איר שיינער און הערליכער צורה, פון א נארמאלע ווילעדזש מיט גרויסע און ברייטע ראוד׳ס, נישט קיין פיר-פינף שטאקיגע בנינים, מיט הונדערטער צוזאמגעדריקטע דירות.

## דאס געזעץ וואס פארפליכטעט זאונינג פאר הייזער פון געבעט

עס איז כדאי ארויסצוברענגען, אז שוין לאנגע יארן וואס דער ווילעדזש איז אין פארלעצונג פון דער פעדעראלן RLIUPA אקט.

דאס איז אן אקט וואס דער געוועזענער פרעזידענט קלינטאן האט באשטימט אז יעדע מוניציפאליטעט, יעדע ווילעדזש און יעדע טאון, מוז האבן א זאונינג געזעץ וואס זאל ערלויבן ״הייזער פון ווארשיפ״, בתי מדרשים. דאס איז א פעדעראלער געזעץ אז עס מוז ווערן צוגעשטעלט פלעצער פאר אלע רעליגיעס וואו מענטשן זאלן קענען גיין דאווענען. אויב א ווילעדזש פארלעצט דעם געזעץ קען מען זיי אנקלאגן אין פעדעראלן געריכט.

דער פאקט איז אז זינט מען האט איינגעפירט דעם געזעץ, איז נאכנישט געווען קיין איין קלאגע וואס יחידים זאלן קלאגן א ווילעדזש אדער א מוניציפאליטעט מיט אזא סארט קלאגע, און דער ווילעדזש זאל געוואונען דעם קעיס. אלעמאל איז דער פעדעראלער רעגירונג געווארן פארמישט אין דעם קעיס, און זיי האבן שטענדיג גע׳פסק׳נט לטובת די רעליגיע.

ביי אונז אין בלומינגראוו, האט עס שוין געהאלטן זייער נאנט צו אן אנקלאגע קעגן דעם געוועזענעם מעיאר, וועלכער האט נישט ערלויבט קיין בתי מדרשים. אבער דאן איז באשלאסן געווארן דורך די געטרייע שליחי הציבור, אז מען שטייט דאך סיווי בעפאר וואלן, און אויב מען וועט קלאגן דעם ווילעדזש וועט דאס ארויסציען אין גרויסע געלט שאדנס וואס די שטייער צאלער וועלן דארפן באצאלן, אזוי ארום אז מען וועט זיך זעלבסט שאדן מאכן. דעריבער האט מען נישט ארייגעטראגן די קלאגע, מיט דער האפענונג אז מען וועט געוואונען די וואלן.

אבער אויך איצינד, איז דאס א זאך וואס קען גענוצט ווערן לעת הצורך. אין די נייע זאונינג טוישונגען, וואס וועט האפענטליך ארייגיין אין אפעקט נאך די קומענדיגע וואלן, וואו מען וועט צוריקדרייען אלע אומ׳יושר׳דיגע הוספות פון די לעצטע יארן, וועט אויך ארייגיין א ספעציעלע פאראגראף איבער באשטימטע זאונינג פאר ״הייזער און ווארשיפ״, בתי כנסיות ובתי מדרשות.

■ ■ ■

דאס איז אויפ׳ן שפיץ גאפל א קורצע שילדערונג איבער דעם ווילעדזש ׳באורד׳ פלענינג באורד׳, און די ׳זאונינג באורד׳, זייערע אפיציעלע איינגעשטעלטע, זייערע פליכטן, און די טערמינען ווי לאנג זיי דינען.

אין דעם קומענדיגן אויסגאבע וועלן מיר בעז״ה זיך אומקוקן אויף די איבריגע דעפארטמענטס אינערהאלב דעם ווילעדזש, ווי אויך אלע agreementst inter municipal און די פארשידנארטיגע באשטימטע פאזיציעס פון דעם ווילעדזש, וואס רעכנט אריין עטליכע עסקנים חשובים, תושבי העיר, ושלוחי הציבור.






# רעגיסטראַציע

## ★★★ דרייוו ★★★

# אויב איז אייער קינד, א בחור אדער א מיידל וואס וועט זיין 18 יאר אויף קומענדיגן מארטש 16 למספרם און איז נאכנישט רעגיסטרירט

רופט ביטע שוין אריין:

מו"ה **אורי דייטש** הי"ו
**845.662.9409**

מו"ה **אלימלך היללער** הי"ו
**347.436.5884**

ובשם ה' נעשה ונצליח!

# ברכת מזל טוב
לתושבי עירינו שהשמחה במעונם

מוה"ר **צבי אליעזר הכהן קאהן** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

מוה"ר **אברהם משה הכהן ווייס** הי"ו
טראסטי - דעפיוטי מעיאר
לרגל הולדת נכדתו למז"ט

מוה"ר **שמואל שמעלקא קליין** הי"ו
לרגל אירוסי בתו למז"ט

מוה"ר **צבי עזריאל יחיאל אינדיג** הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

מוה"ר **מאיר שמואל היימליך** הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

מוה"ר **אהרן יוסף פערל** הי"ו
לרגל אירוסי בתו למז"ט

מוה"ר **חיים שלמה זלמן הכהן ווייס** הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

מוה"ר **דוד קרויס** הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

מוה"ר **אהרן יואל ראלניצקי** הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

יזכו כולם לראות רב נחת דקדושה
מתוך הרחבת הדעת



# BLOOMING GROVE RENTALS

5 Room appt. | 8 Room appt.
Offices | Warehouse space
Short term rentals

Please call 347-441-0082



# CDL DRIVERS NEEDED

**part time and full time,**
**$50 per Hour/Route!**
**We also pay for your CDL course.**
**Positions available Today!**
**Call Now: 845.412.0482**






ארייננשיקן נייעס, ארטיקלן, בילדער,
הערות און געדאנקן אדווערטייזמענטס,
ביטע זיך פארבינדן מיט די רעדאקציע אויף:

**mail@shtima.com**

ווי אויך קען מען אריינרופן אין אפיס פון די שטימע אויף:

**845.384.2818**

# THE SPEED YOU NEED.

GET YOUR PHONE ORDER **DELIVERED FAST AND EASY!**

**MAKE YOUR ORDER** DURING THE **NIGHT** HOURS AND GET IT DELIVERED BY **7:30 IN THE MORNING.**

**NO MISSING ITEMS.** WE WILL ALWAYS CALL YOU TO ASK WITH WHAT TO REPLACE...

# PHONE ORDERS

**WITH A WHOLE NEW MEANING**

- FAST DELIVERY
- NEVER MISSING ITEMS
- CALLING FOR REPLACMENT
- GENTLY PACKED AND DELIVERED
- 24 HOUR ORDERING

**CHECK OUT OUR SUPER WEEKLY SPECIALS**




Peppermint supermarket

**33 DINEV RD.**
MONROE, NY 10950

**Call** in with your order
**845.492.8777** EXT. #1
**Fax** it to **845.669.0009**
**Text** or **Email** to **supermarketkj@gmail.com**
**www.peppermintsupermarket.com**

PEPPERMINT
**Phone Order Dept.**

ORDER BY PHONE AND ENJOY
**845.492.8777**
EXT. #1

PRSRT STD
US POSTAGE
**PAID**
PERMIT 70
MONSEY NY

**BG shtima**
P. O. Box 808
Monroe NY 10949